# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:30
מוצאי שב"ק.................7:58

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב ב'-ג'
בבלי.......................עירובין מ"ח
ירושלמי...............שקלים כ"ב
תוספתא..................נדרים ז'
רמב"ם.....................תפילין ב'


פרשת האזינו-ב', שבת שובה, ח' תשרי, שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 1 (466)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### אֱלֹקֵינוּ בּוֹשְׁנוּ וְנִכְלַמְנוּ לְהָרִים אֱלֹקֵינוּ פָּנֵינוּ אֵלֶיךָ

פַאר דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן (בְּרָכוֹת כח:): "רֶבִּי, בָּרְכֵנוּ", דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז בֶּענְטְשְׁן פַאר עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט דִי פָאלְגֶענְדֶע בְּרָכָה: "יְהִי רָצוֹן שֶׁתְּהֵא מוֹרָא שָׁמַיִם עֲלֵיכֶם כְּמוֹרָא בָּשָׂר וָדָם", אִיךְ בֶּענְטְשׁ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, עַד כַּאן?" דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזַא קְלֵיינֶע בְּרָכָה, מִיר זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם אוּן נִישְׁט מֶער? "אָמַר לָהֶם, וּלְוַאי", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַלְוַאי זָאלְט אִיר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּן אַן עֲבֵירָה זָארְגְט עֶר זִיךְ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וויסְן וָואס עֶר טוּט, עֶר פַארְמַאכְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס אוּן אַלֶע שְׁפַּאלְטְנְס אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפוּנֶען וָואס עֶר טוּט, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט: 'גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָא, עֶר זֶעט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פז, ה) אַז וֶוען אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט יוֹסֵף הַצַּדִּיק צוּ טוּן מִיט אִים אַן עֲבֵירָה, וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק דְרֵייט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיס פוּן אִיר אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה, הָאט זִי אִים פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז זִי גֵייט צוּדֶעקְן אַלֶע בִּילְדֶער פוּן דִי וֶוענְט אוּן אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט לַיילֶעכֶער אוֹיף אַלֶע גֶעטְשְׁקֶעס אוּן אוֹיף אַלֶע בִּילְדֶער אוּן גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף אוּן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט זֶעט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס מִיר טוּעֶן, יֶעצְט זָאלְסְטוּ מִיר צוּ הֶערְן", הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דַיינֶע גֶעטְשְׁקֶעס קֶענְסְטוּ צוּדֶעקְן, דִי אַלֶע בִּילְדֶער קֶענְסְטוּ פַארְדֶעקְן, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר זֶעט אַלֶעס, פוּן אִים קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן".

זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - דָאס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח', אוֹת ח): "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה, מֶען גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען דַארְף בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוען מֶען קֶען נָאר דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט דִי אֱמוּנָה בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא", דֶעמָאלְט פִירְט מֶען זִיךְ אוֹיף אֵיידְל אוּן מֶען רֶעדְט אֵיידְל, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי יְיָ לְנֶגְדִּי תָמִיד", אִיךְ לֶעבּ שְׁטֶענְדִיג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סָעִיף א): "שִׁוִּיתִי יְיָ לְנֶגְדִּי תָמִיד" - הוּא כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲלוֹת הַצַּדִּיקִים הַהוֹלְכִים לִפְנֵי הָאֱלֹקִים".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה טָהֳרָה תשע"ט)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### שַׁבַּת שׁוּבָה

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פה:): וָואס מֵיינְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה אֵיין צְוֵויי מָאל, אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט". וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער דִי זֶעלְבֶּע פְּרוּוּ, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר ווִיל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, צוּ זַיין פוּן יֶעצְט וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דַאן זַיין עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן, אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר עֶס נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועט עֶס נָאר אָנְהַאלְטְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם צוּרִיק פַאלְן.

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף עֶר טוּישְׁן זַיין גַאנְצְן סֵדֶר, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן טוּישְׁן זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר אִין לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ אַרַיין זֶעצְן אִין שׁוּל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן דִי מִינְדֶערְסְטֶע שַׁייכוּת מִיט סַיי וֶועלְכֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן.

דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר אַן אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן, אוּן דָאס קֶען זֵייעֶר גְרִינְג צֶעפַאלְן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט. דֶערְפַאר לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְּרוּוּ, דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ", דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זַיין צַייט, מִיטְ'ן זֶעלְבֶּע סֵדֶר הַיּוֹם וִוי בִּיז יֶעצְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אַזוֹי תְּשׁוּבָה טוּן.

וֶועט דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, אַז אוֹיבּ אַלֶעס בְּלַייבְּט דִי זֶעלְבֶּע ווִי בִּיז יֶעצְט, וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דֶעמָאלְט תְּשׁוּבָה? וָואס דַארְף מֶען יָא טוּן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'ֶע בַּעַל תְּשׁוּבָה? דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם זָאגְן מִיר דִי וָואךְ אִין דִי הַפְטוֹרָה, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז (הוֹשֵׁעַ י"ד, ג'): קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט; פוּן הִימְל ווִיל מֶען זֶען ווִי אַזוֹי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ, וִוי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט; מֶען ווִיל זֶען צוּ וֶועם דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט אַייְנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ לֶענְדֶער אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס אַייְנְגֶענוּמֶען אוּן גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין פַּאלַאץ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מִילִיטֶער לַייט: "מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִינֶעם פַּאלַאץ וַוייל עֶס אִיז דָא אַ שְׁפִּין גֶעוֶועבּ (קוּרֵי עַכָּבִישׁ)", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה: "אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁטוּת פוּן דֶעם? הָאסְט דָאךְ אַלֶעס אַייְנְגֶענוּמֶען, אוּן וֶועגְן אַ קְלֵיין בִּיסְל שְׁפִּין גֶעוֶועבּ (קוּרֵי עַכָּבִישׁ) גֶעבְּט מֶען אוֹיף?!"

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס בֵּייקוּמֶען; אֱמוּנָה מַאכְט שְׁטַארְק, אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ, אֱמוּנָה גֶעבְּט אֹמֶץ הַלֵּב צוּ קֶענֶען בֵּייקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תש"פ)

# דֶער וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבָט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דַיינֶע עֲבֵירוֹת זָאלְסְטוּ זָאגְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט חֲרָטָה אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן דוּ נֶעמְסְט זִיךְ פָּאר דָאס מֶער נִישְׁט צוּ טוּן. דֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): ״וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ״; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ״ם, מֶען זָאל זָאגְן: ״אָנָּא הַשֵּׁם״, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ״חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ״, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, ״וְעָשִׂיתִי כָּךְ וְכָךְ״, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, ״וַהֲרֵי נִחַמְתִּי״, אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, ״וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי״, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, ״וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה״, אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן - דָאס אִיז וִידּוּי, ״וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח״, אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ״אֲפִילוּ הִגְדִּיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוּ לְמַעְלָה מִזּוּ - וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה הָאבּ אִיךְ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, ״וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעֲלָה, וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָּם״, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן הָאט אִים לִיבּ.

הֶער אוֹיף פַּאסְטְן, נִישְׁט דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן אוּן פַאסְטְן צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן; דֶער עִיקָּר פוּן תְּשׁוּבָה אִיז מֶען זָאל חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן מֶען זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז מֶען גֵייט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירוֹת.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ עֶנְדִיגְסְט יֶעדְן טָאג תְּהִילִים; זַיי מַמְשִׁיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין גוּטֶע מִנְהָג צוּ זָאגְן אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג דֶעם סֵפֶר תְּהִילִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ׳. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה״, וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, ווייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ״וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ״, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, ״וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה״, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ״וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה״, פִירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, ״וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה״, אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַרוֹיס צוּ קוּמֶען פוּן תְּפִיסָה; קוֹדֶם כָּל דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דַיין טִיפְן שְׁלָאף. פַאר דוּ בִּיסְט אַרַיין אִין תְּפִיסָה הָאסְטוּ גֶעטוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, דַיין נְשָׁמָה אִיז גֶעוֶוען אִין תְּפִיסָה, אוּן וֶוען דַיין גוּף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין תְּפִיסָה הָאסְטוּ זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, דוּ הָאסְט חֲרָטָה אוֹיף דַיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ וִוי אַ אִיד; זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ׳ן זָאגְן תְּהִלִּים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תש״פ)

>>>>>>

וְשׁוּבוּ אֶל ה׳ - אַ אִיד דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה.

אַ אִיד זָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר״, ״בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל פוּן הַיינְט אָן טוּן נָאר מִצְוֹת אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת״, ״בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן גוּט בִּיז יֶעצְט, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ״. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קֶען יֶעדֶער זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגֶע וֶועג, מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן. אוּן וֶוען אַ אִיד וֶועט דָאס טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זִיךְ, עֶר וֶועט זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דָאס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, עֶר פִילְט וִוי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז מֶען הוֹיבְּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ וַוייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶּער אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר וֶועט פִילְן אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים. עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער נַאכְט, עֶס נֶעמְט צַייט, דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶּער (תְּהִלִּים ל״ד, ט׳) טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה׳, פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ״ל: ״מִיט דִי זֶעלְבֶּע וַוייבּ״ - דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין וַוייבּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁט דַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט דִיךְ פוּן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר נָאךְ הֶעלְפְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ס״ג.): ״זָכָה - נַעֲשֵׂית לוֹ עֵזֶר, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, שְׁטֵייט אִים דִי וַוייבּ צוּ הִילְף, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, אִיז זַיין וַוייבּ קֶעגְן אִים אוּן זִי שְׁטֶערְט אִים, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ עֶר אִיז וואוֹיל וֶועט אִים זַיין וַוייבּ נִישְׁט שְׁטֶערְן נָאר פַארְקֶערְט זִי וֶועט אִים נָאךְ מֶער צוּהֶעלְפְן צוּ וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז זַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ קֶעגְן אִים, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף נָאךְ מֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין וַוייבּ זַיין מִיט אִים.

מֶען זֶעט בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״הָאסְטוּ גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת?״ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דִי וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, זִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת״, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ״י: ״דָא זֶעט מֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ כְּפוּי טוֹבָה״, אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרַע, אוּן דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, פַארְוָואס וַוארְפְסְטוּ אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיף דַיין וַוייבּ? וֶוען דוּ וָואלְסְט מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר דַיין וַוייבּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וָואלְט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן דִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, זֶעט מֶען אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַלֵיין זַיין וואוֹיל, וֶועט זַיין וַוייבּ אִים גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין ״דִי זֶעלְבֶּע צַייט״ - אִין יֶעדֶע צַייט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע צַייט אִיז טַאקֶע אַנְדֶערְשׁ, אַמָאל קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אַמָאל קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ׳ן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָּר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט.

אוּן אִין ״דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ״ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, אוֹיף יֶעדֶע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן קֶען מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן אוֹיפְ׳ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ אוּן אוֹיפְ׳ן זֶעלְבְּן מַצָּב, דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן אֵיינְס פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יְסוֹדוֹת פוּן תְּשׁוּבָה, אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן קַיין גְרֶענִיץ. אוּן דֶערְפַאר, וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר קֶען נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״א) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר נָאר עֶר, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְּט יָא תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט.

<<<<<<

>>>>>>

רֶבִּי נָתָן אִיז עֶס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין, ה"ד, אוֹת ד') אַז דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף הֶערְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעצְט טוּן. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הֶערְט אַז הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה גֶעבְּט עֶר אַלֶעס אוֹיף, דַאן וֶוערְט עֶר טַאקֶע פַארְפַאלְן פוּן בֵּיידֶע ווֶעלְטְן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג אוּן עֶר ווֵייסְט אַז דָאס אִיז זַיין נִסָּיוֹן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה אוּן עֶר ווֶעט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ הֶערְט מֶען פוּן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן ווֶעם, אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן", דַארְף מֶען ווִיסְן אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם סַמַךְ-מֶם צוּ דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען טָאר זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנֹּם, צוּ קֶענֶען זָאגְן וֶוער עֶס גֵייט וואוּ. דֶערְפַאר קֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶס קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּן אָדֶער נִישְׁט, דָאס ווֶענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, אוּן עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווֶען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעווִיסֶע הַנְהָגוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן גַאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען.

אִינְצְווִישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסֶל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר ווֶעט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס ווֶעט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע ווֶעט אִים ווֶעלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר ווֶעט נָאר הָאבְּן, ווֶעט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט זִיךְ בַּאצַייטְנְס וַוייל קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט ווֶען עֶס ווֶעט קוּמֶען זַיין צַייט, אַזוֹי ווִי ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קנ"ג.) "טוּ תְּשׁוּבָה אֵיין טָאג פַארְ'ן שְׁטַארְבְּן" הָאבְּן אִים זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט, "מֶען ווֵייסְט דָאךְ נִישְׁט ווֶען מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט, טוּ הַיינְט תְּשׁוּבָה, וַוייל אֶפְשָׁר מָארְגְן ווֶעסְטוּ שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי ווֶעסְטוּ יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּן".

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"שׁ עֶרֶךְ תְּשׁוּבָה חֵלֶק ח', י', י"ב)

>>>>>>

ממש אזוי ווי מ'וואלט געווען אין אומאן, און דער רבי איז זיכער מיט אונז. און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט דברי חיזוק והתעוררות מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

דערנאך האט מען גדאווענט מעריב, דער שליח ציבור איז געווען הר"ר אברהם הערש וועבערמאן הי"ו.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, אויך אין צווייטן טאג יום טוב האט דער עולם האט מיטגעהאלטן די געהויבענע תפלות. דער ראש ישיבה האט גזאגט א דרשה פאר תקיעת שופר, ער האט מעורר געווען אויסצונוצן די געהויבענע מינוטן ווי עס דארף צו זיין, בשעת מען בלאזט שופר צומישט מען די טענות פונעם שטן, און ער קען נישט מקטרג זיין, און דערפאר איז עס זייער א גוטע צייט וואס מ'קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מ'וויל, און איבערבעטן דעם אייבערשטן. אויך האט דער ראש ישיבה זייער שטארק געבעטן אז קיינער זאל נישט פיינט האבן א צווייטן, מען זאל זיך זייער דערווייטערן פון מחלוקת, אפילו ווען מ'האלט אנדערש פון יענעם, דארף מען זיך נאך אלץ ליב האבן, דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער אנגעווארעמט דעם ציבור אז ווער ס'האט א שווער הארץ אויף א צווייטן, איז יעצט די ריכטיגע צייט יעדן מוחל צו זיין, און אנהויבן א נייעם בלאט אין לעבן, צו זיין בשלום ושלוה מיט אלע אידישע קינדער. ווי אויך האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז אזוי ווי דאס יאר זענען די פרויען אויך אין שול ביים דאווענען, האט ער זיי אויך מעורר און מחזק געווען אויף צניעות.

נאכמיטאג האט מען גדאווענט מנחה, פאר'ן עמוד האט גדאווענט הר"ר מרדכי היימליך הי"ו, און דערנאך איז מען אינאיינעם געגאנגען צו תשליך צו אן ארטיגע טייך. נאך תשליך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ, אזוי ווי ס'איז איינגעפירט אין ברסלב אז אום ראש השנה טאנצט מען נישט ביז נאך תשליך.

דערנאך איז מען צוריק געגאנגען אין שול וואו דער ראש ישיבה האט ווידער געזאגט א דרשה. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען דער רבי האט געלעבט זענען אנשי שלומינו געקומען צו אים דריי מאל א יאר, אום ראש השנה, שבת חנוכה, און יום טוב שבועות. דער ראש ישיבה האט דאס מסביר געווען אז דאס איז די דריי זאכן וואס דער רבי ברענגט אריין אין אונז, ראש השנה איז מען ממליך דעם אייבערשטן, דער רבי ברענגט אריין אין אונז אזא שטארקע אמונה אז דער אייבערשטער איז אלעמאל מיט אונז, און מיר קענען רעדן צו אים אין יעדע צייט; חנוכה איז א צייט וואס מ'דאנקט און מ'לויבט דעם אייבערשטן אויף אלע ניסים און חסדים וואס ער טוט מיט אונז כסדר, און אום יום טוב שבועות זענען מיר מקבל די הייליגע תורה, דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד מיט וואס יעדער איד אן אויסנאם קען זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה, און אז מיר וועלן פאלגן דעם הייליגן רבינ'ס עצות, וועלן מיר זיכער זיין אמת'ע ערליכע אידן און אנקומען צו וואס מיר דארפן אנקומען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין מיט'ן רבי'ן אויף ראש השנה, און מיר זאלן מיטנעמען די עצות פון הייליגן רבי'ן אויך אויף די גאנצע יאר, נאר מיט א צדיק קען מען מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

ויום טוב היו עושים בצאתם בשלום מן הקודש, מוצאי יו"ט נאך מעריב און הבדלה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ, מ'האט גדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע זכי' אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן, אז מיר האבן זוכה געווען צו דאווענען אום ראש השנה מיט'ן קיבוץ פון הייליגן רבי'ן, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען זיכער גע'פועל'ט א גוט געבענטשט יאר פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה.

**מי שהיה אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח כל השנה!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אוֹיבּ רֶעדְט מֶען לָשׁוֹן הָרַע, פַארְלִירְט מֶען אַלֶע זְכוּתִים?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז ווֶען מְ'רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, גֵייעֶן אַלֶע אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת אוּן זְכוּתִים צוּ דֶעם אוֹיף ווֶעמֶען מְ'הָאט גֶערֶעדְט. אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעהֶערְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר פְרוֹיעֶן, ווִי מְ'הָאט גֶערֶעדְט אַז דִי פְרוֹיעֶן קוּמֶען מִיט פֶּעק אוּן זֶעק פוּל מִיט זְכוּתִים פוּן גִידוּל בָּנִים, טַהֲרַת הַמִּשְׁפָּחָה, אוּן נָאךְ. אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן, אָבֶּער פוּן מָאל צוּ מָאל קֶען מֶען אַרָאפּ פַאלְן, דָאס מֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין זְכוּתִים? אֶפְשָׁר רֶעד אִיךְ לָשׁוֹן הָרַע בְּטָעוּת אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אַלֵיינְס, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ הָאבּ נָאר אַ פָּאר וָואכְן פוּן זְכוּתִים, נִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר?

דִי שְׁאֵלָה נֶעמְט מַמָּשׁ צוּ מַיין מְנוּחַת הַנֶּפֶשׁ. אִיךְ ווֶעל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווֶעט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים (חוֹבַת הַלְּבָבוֹת שַׁעַר הַכְּנִיעָה פֶּרֶק ז, אוּן אִין נָאךְ סְפָרִים) אַז ווֶען מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף אַ צְווֵייטְן מֶענְטְשׁ נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוּן מֶען טְרָאגְט עֶס פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמְט מֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן אוּן מֶען בְּרֶענְגְט עֶס צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מֶען, דָוִד הַמֶּלֶךְ קְרֶעכְצְט (תְּהִילִּים סט, יג): "יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר, וּנְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר", דִי אַלֶע וָואס זִיצְן אִין דִי גַאסְן רֶעדְן אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטְס, אוּן דִי אַלֶע וָואס טְרִינְקֶען אִין טְרִינְק הַייזֶער – רֶעדְן אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטְס; דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים זֶענֶען לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִצְוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גָארְנִישְׁט מַרְוִיחַ פוּן דֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּצוּנֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע מִצְוֹת.

אָבֶּער ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען הָאט חֲרָטָה אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן – דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר דִבְרֵי יוֹאֵל פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, דַף תנא): "אָמְנָם אִם הַמְסַפֵּר לָשׁוֹן הָרָע חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה", אוֹיבּ דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע טוּט תְּשׁוּבָה, "אֲזַי שָׁבִים כָּל מִצְוֹתָיו אֵלָיו", דֶעמָאלְט קוּמֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹת צוּ אִים, "וְהַכֹּל עַל מְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן יָבֹא", אוּן אַלֶעס ווֶערְט צוּרִיק אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר הָאט מוֹרָא וָואס ווֶעט זַיין מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע זֶעק אוּן פֶּעק פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואס אִיר הָאט פַארְלוֹירְן ווֶען אִיר הָאט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס וְכוּ'; אוֹיבּ אִיר טוּט תְּשׁוּבָה, אִיר נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן אִיר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר הָאט ווֵיי גֶעטוּן – ווֶעט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייךְ אַלֶע אַייעֶרֶע מִצְוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**



## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכע געהויבענע ראש השנה ביים קיבוץ פון הייליגן רבי'ן

א הערליכער געהויבענער ראש השנה איז אריבערגעגאנגען אויף די הונדערטער טויזנטער ברסלב'ע אידן איבער די גאנצע וועלט, סיי די וועלכע האבן זוכה געווען צו זיין אין אומאן, און סיי די וועלכע האבן נישט מצליח געווען אנצוקומען, אבער האבן געדאווענט די תפלות מיט אן התקשרות צום הייליגן רבי'ן.

ווי באקאנט האט די אוקריינע רעגירונג באשלאסן אום מיטוואך פרשת כי תצא אפצושליסן זייערע גרעניצן פאר א חודש צייט, פון פרייטאג כי תצא ביז נאך יום כיפור. אידישע קינדער, וואס גארן אוןווארטן שוין א גאנץ יאר זוכה צו זיין צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו אלע תיקונים פון הייליגן רבי'ן, האבן אויפגענומען די נייעס גאר שווער. עס זענען געווען אידן וואס האבן זיך גלייך אויפגעהויבן און געפארן קיין אומאן נאך פאר שבת, ארייגצוכאפן אנצוקומען אהין נאך איידער די גרעניצן ווערן פארשפארט, זיי האבן געהאט אסאך שוועריקייטן ביים אנקומען אהין, אבער מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען צום סוף ארייגעלאזט כמעט אלע אידן. דער ראש ישיבה שליט"א האט אבער געזאגט אז מ'זאל נישט פארן אזוי פרי, דער רבי האט נישט פארלאנגט אז מ'זאל וואוינען אין אומאן נאר אז מ'זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און אויב וועט זיין מעגליך צו פארן פאר ראש השנה וועט מען פארן.

ווען עס איז געקומען די וואך פון ראש השנה, די גרעניצן פון אוקריינע זענען געווען פארמאכט, איז אבער פארט געווען פארשידענע אופנים ווי אזוי מ'האט זיך יא געקענט אריינבאקומען אין אומאן, דער ראש ישיבה שליט"א האט אבער באשלאסן אז ער גייט זיך געפינען וואו אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש וועלן זיך געפינען, כאטש וואס דער ראש ישיבה אליין האט געהאט א וועג אנצוקומען אויף אומאן, האט ער אבער נישט געוואלט גיין אליין, נאר צוזאמען מיט אלע אנשי שלומינו.

אום זונטאג פאר ראש השנה האט דער ראש ישיבה באקומען א ידיעה אז ס'איז דא א וועג אריינצוברענגען אלע תלמידי הישיבה קיין אומאן, און דאן האט זיך דער ראש ישיבה אויפגעהויבן פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן און איז געפארן קיין אומאן, און איז אנגעקומען דארט בשלום. דערנאך האבן אנשי שלומינו אנגעהויבן פארן קיין אומאן, אבער אנקומענדיג אינמיטן וועג האט זיך פארשלאסן אויך די וועגן וואס איז נאך געווען אפן ביז דעמאלט, און זיי זענען געבליבן שטעקן אונטערוועגנס. קרוב צו הונדערט אידן האבן זיך געפונען אינעם לופטפעלד אין מאלדאווא, צווישן זיי אויך די קינדער פון ראש ישיבה, פון וואו מ'האט זיי נישט ארויסגעלאזט. צענדליגע אידן זענען שטעקן געבליבן אין לאנדאן, און נאך עטליכע צענדליגע אין אונגארן, און אין נאך לענדער, און דערנאך זענען געווען פילע וואס האבן נאכנישט עספיעט ארויסצופארן פון ניו יארק.

עטליכע טויזנט אידן האבן ברוך ה' זוכה געווען צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה, צווישן זיי אויך א שטיקל עולם פון תלמידי היכל הקודש. אין די וואך פאר ראש השנה האט דער ראש ישיבה זיך געפינען אין אומאן, פון וואו ער האט העפטיג געארבעט אויף אלע פראנטן צו טרעפן א וועג אריין פאר אלע אנשי שלומינו, און גלייכצייטיג האט ער כסדר געשריבן בריוו פאר אלע אנשי שלומינו וואס זענען געווען אונטערוועגנס, זיך צו שטארקן מיט אסאך תפלות, און בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל זוכה זיין אנצוקומען אויף אומאן. אנשי שלומינו האבן זיך טאקע מחזק געווען אין אלע פלעצער, מ'האט געדאווענט און געלערנט און זיך געשטארקט איינער דעם צווייטן מיט אמונה אז אלעס פירט דער אייבערשטער זיכער צום גוטן.

די הונדערט אידן אין מאלדאווע האבן זיך געבעטן ברחמים ביי די ארטיגע באאמטע אז מ'זאל זיי ארויסלאזן פון לופטפעלד כאטש צו אן האטעל, צו קענען האבן א בעט איבערצושלאפן, עפעס צו עסן נארמאל, און אזוי ווייטער. זיי האבן אבער נישט מסכים געווען בשום אופן, נאר אזויפיל האט מען גע'פועל'ט אז מ'זאל אריינלאזן עסן פאר די אידן. ארטיגע רבנים פון מאלדאווא האבן מיט גרויס געטריישאפט געשאפט כשר עסן פאר אלע אידן, און עס אריבערגעברענגט אין לופטפעלד וואו די אידן זענען געבליבן פארשפארט פאר דריי טאג.

ווען עס האט זיך דערנענטערט די צייט צום הייליגן יום טוב, און די טויערן פון אוקריינע זענען נאכאלץ געווען הערמעטיש פארשלאסן, עס האט נישט געהאלפן קיין שום עסקנות און געבעטן, האט מען אנגעהויבן טראכטן זיך צוריק צו קערן אהיים. דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן א בריוו פאר אנשי שלומינו אז ער איז נאר געפארן קיין אומאן מיט'ן חשבון אז מ'וועט טרעפן א וועג פאר אלע אנשי שלומינו אנצוקומען אהין, און אזוי ווי עס האט זיך נישט אויסגעארבעט וועט ער אויך צוריק קומען און פראווען דעם יום טוב אין קרית ברסלב אין ליבערטי, מיט א קיבוץ פון אנשי שלומינו, מיט אן התקשרות צום הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך טאקע גלייך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צוריק קיין ניו יארק, און אזוי אויך האבן די איבריגע אנשי שלומינו אונטערוועגנס געטראפן א וועג אנצוקומען צוריק אהיים. טייל זענען נאך אנגעקומען אהיים נאך דאנערשטאג נאכט, אבער די אידן פון מאלדאווא האבן געהאט א לענגערע אפשטעל אין לאנדאן, וואו מ'האט דארט געזאגט אינאיינעם סליחות זכור ברית, און אינדערפרי האט מען געדאווענט שחרית און זיך ארויסגעלאזט קיין ניו יאר, און זיי זענען ערשט אנגעקומען אהיים אום ערב יום טוב נאכמיטאג.

עטליכע הונדערט משפחות פון אנשי שלומינו זענען געקומען אויף קרית ברסלב ליבערטי צו פראווען דעם יום טוב אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, די איינוואוינער פון שטעטל האבן אויפגענומען די פילע געסט מיט ברייטע ארעמעס, און צוגעשטעלט גענוג פלאץ פאר יעדן וואס האט נאר געוואלט קומען. די איבריגע אנשי שלומינו וואס זענען נישט אנגעקומען אהין, האבן זיך צוזאמגענומען יעדער אין זיין שטאט, צו דאווענען אינאיינעם מיט ברסלב'ע חסידים, מיט'ן הייליגן רבי'ן. אין וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל, מאנסי, סטעטן איילענד, ווי אויך אין ארץ ישראל און אין ענגלאנד, און אזוי ווייטער וואו עס וואוינען אנשי שלומינו, האט מען געמאכט א שיינעם קיבוץ, צו דאווענען אינאיינעם און זיך מקשר זיין צום הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט שוין געהאט געשריבן פון פאראויס אז אויב וועט מען חס ושלום נישט קענען אנקומען דאס יאר קיין אומאן אויף ראש השנה, וויל ער מאכן דעם קיבוץ אינעם ברסלב'ער שטעטל אין ליבערטי, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט אז דאס שטעטל איז א הייליג פלאץ, אלע איינוואוינער אן אויסנאם זענען עוסק אין הפצה.

דער יום טוב אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א איז אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט און געשמאק. דאנערשטאג נאכט אום איינס אזייגער האט מען געזאגט סליחות זכור ברית מיט גרויס ווארעמקייט. נאך סליחות האט מען געגעבן פדיון נפש פאר'ן ראש ישיבה, ווי אויך אום ערב יום טוב האט מען געגעבן פדיון נפש, אז ווי דער רבי זאגט אז אום ערב ראש השנה זאל מען געבן א פדיון.

ערב יום טוב נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה אפגעווארט מיט גרויס שמחה די תלמידים וואס זענען דעמאלט אנגעקומען פון מאלדאווא. די חשובע תושבים האבן זיי אפגעווארט מיט די קארס, און זיי צוגעפירט צו זייערע באשטימטע אכסניות.

ראש השנה ביים זמן איז מען זיך צוזאם געקומען אינעם גרויסן שול אין שטעטל צו מנחה, דער ראש ישיבה שליט"א איז צוגעגאנגען צום לעצטן מנחה פון יאר וואס מ'האט געדאווענט מיט א שטארקע התעוררות, צו מעריב איז צוגעגאנגען הר"ר אברהם הערש וועבערמאן הי"ו. נאך מעריב איז דער עולם אריבער זיך אנווינטשן לשנה טובה ביים ראש ישיבה, וואס האט יעדן שיין אנגעווינטשן.

דעם ערשטן טאג אינדערפרי, אום שבת קודש, האט מען געדאווענט אביסל שפעטער ווי געווענליך, צוליב די פילע אידן וואס זענען אנגעקומען ממש די לעצטע מינוט צום יום טוב, אז זיי זאלן אויך קענען דאווענען מיט ישוב הדעת. פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א שיעור גמרא. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הר"ר שלמה ראטה הי"ו, און דער ראש ישיבה האט געדאווענט שחרית און מוסףביידע טעג, וואס איז געווען זייער שיין, די באריכטע כאר פון ישיבה אינאיינעם מיט די קינדער האבן זייער שיין מיטגעזינגען ביים דאווענען.

צו מנחה האט געדאווענט פאר'ן עמוד הר"ר יונה זינגער שליט"א, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט א שיינע דרשה. דער ראש ישיבה שליט"א האט דערמאנט וואס דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן אויף דעם וואס חז"ל זאגן אז ווען א מענטש האט געוואלט טון א מצוה, אפילו ער האט נישט מצליח געווען עס אויסצופירן, איז עס אזוי ווי ער האט מקיים געווען די מצוה, זאגט דער רבי אויף דעם אז דאס איז נאר געזאגט געווארן פאר איינעם וואס איז גרייט יוצא צו זיין מיט דעם "אזוי ווי", אבער א איד דארף באמת יא וועלן טון די מצוה אליין, און זיך נישט פטר'ן דעם אז ס'איז שוין "אזוי ווי" ער האט עס געטון. האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט און געזאגט אז מיר אלע האבן דאך נישט סתם געוואלט פארן, נאר מ'האט זיך טאקע אנגעשטרענגט מיט מסירות נפש און געפארן, נאר מ'האט נישט געקענט אנקומען אהין, איז זיכער אז עס איז

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **חיים זאנוול אפעלדארפער** הי"ו,
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

הפצת הגליון נתנדב
מו"ה **ארי' לייב פעקעטע** הי"ו
להצלחה בכל הענינים

## עניני דיומא

**דרשות און שיעורים, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויפ'ן הייליגן טאג יום כיפור, און אויפ'ן פרייליכן יום טוב סוכות**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**